NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04246

# DER VAZON

## Moyshe Levin

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מוישע לעווין

# דער וואַזאָן

ב

„קינדערפרײַנד"
וואַרשע

נומער
1
1938

מוישע לעווין

# דער וואַזאָן

„קינדערפרײַנד", וואַרשע 1938

Printed in Poland

M. LEWIN

DER WAZON

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1938

25 .ה 28 זעצעריי ה. גלאנץ, פראנציסקאנסקע

Druk. „Renoma", Warszawa

דער וואַזאָן האָט פאַרנומען אין שטיבעלע אַ קענ־
טיקן אָרט.

אַ קלייז שטיבעלע — בלויז איין צימער, און אין דעם איינעם צימער זיצט דער טאַטע און פאַרריכט שיך, זיצט די מאַמע און שאָבט בולבעס, זיצט די באָבע און צירעוועט אַ זאָק, זיצט דער זיבניעריקער פאָלקע און שפּילט זיך.

און אַרום די זיצנדיקע — שטייט אַ קאַמאָד אויף פיס, שטייט אַ טיש אויף דריי פיס, שטייען צעבראָכע־נע שטולן אויף צוויי פיס.

אויסער דעם ליגן נאָך אַ סאַך זאַכן: אַלטע שוכ־וואַרג, קאַפּולן, אַ קאָטשערע מיט אַ בעזעם לעבן אויוון, און העכער צו, אויפן אויוון — ליגט די האַק אויסגע־צויגן און גענעצט.

איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, אַז דער וואַזאָן האָט פאַרנומען אין דעם שטיבעלע אַ קענטיקן אָרט.

און סאַכאַקל וואַקסט אין וואַזאָן אַ ציבעלע, אַ פּאָשעטע ציבעלע.

אָבער אַז מען באַדאַרף וואַקסן, העלפֿן קיין טייַנעס נישט. צעוואַקסן זיך די בלעטער אַזוי לאַנג און ברייט און העלדיש, אַז זיי פֿאַרנעמען דעם גאַנצן אויבנאָן פֿון פֿענצטער, שטרעקן זיך אויס ווי הענט איבערן מיטן שטוב און ווער סע גייט פֿאַרבײַ, גיבן זיי אַ צופּ, אַ גלעט, און וויגן זיך, וויגן זיך, ווי זיי וואָלטן געלאַכט פֿון דער גאַנצער וועלט...

דער פֿאַרהאָרעוועטער טאַטע האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט, ווען אַ בלאַט פֿון וואַזאָן פּלעגט אים פּלוצעם, ווען ער גייט פֿאַרבײַ, אַ קיצל טון אין באָרד אָדער אין האַלדז. אָפּט מאָל צעבייזערט ער זיך אַפֿילע אויף דער מאַמען:

— צו וואָס באַדאַרף איך דאָ וואַזאָנעס אויף מײַן קאָפּ, האַ? דאָ איז נאָך ווייניק ענג?

די מאַמע פּלעגט אַ זיפֿץ טון און אים נישט ענטפֿערן. זי האָט וואַזאָנעס און גרינוואַרג ליב געהאַט שטענדיק. זי איז געבוירן און געוואַקסן אין אַ שטעטל וווּ מיט סעדער און גערטענער האָבן זיך די אויגן געקוויקט, איז איצט געווען דער וואַזאָן אין דעם טונקעלן

שטיבעלע אויפן שטיינערנעם הויף — א גרוס פון דעם ליבן שטעטל. אָבער וואָס טוט מען טאַקע, אז ס'איז אַזאַ ענגשאַפט?

פונדעסטוועגן פלעגט זי דעם וואַזאָן אויפהיטן און אז זי שווענקט אויס אַ גלאָז אָדער אַ טעלער מיט קאַלטע וואַסער, איז זי זיך מאַטריַעך נאָך אַ פּאָר טריט און גיסט עס אַרײַן אין וואַזאָן: נאַ, טרינק זיך אָן!

עס איז אָבער געווען אין שטיבעלע אַ באַזונדער גוטער פרײַנד פון וואַזאָן, וואָס האָט געזאָרגט פאַר אים נאָך גינציקער פון דער מאַמען, וואָס האָט געציילט יעדעס בלאַט פון אים און אָנגעטרונקען נישט מיט אויסגעשווענקט וואַסער, נאָר מיט קריסטאַל ריינע — דער דאָזיקער פרײַנד איז געווען פאָלקע. אַ סוואָרע, אז פאָלקע איז עס געווען דער יעניקער, וואָס האָט געהאָלפן די מעציע אַרײַנברענגען אין שטוב.

געווען איז עס הײַנטיקן ערעוו פייסעך. די מאַמע איז אַוועק אין מאַרק אײַנצוהאַנדלען עפּעס גוטס אויף יאָנטעוו, מיטנעמענדיק פאָלקען. ליידיקלעך איז געווען איר אויסגעריבן בײַטעלע און טײַער איז אַלץ — בראַנד יאָקרעס. מיט נישט זיכערע טריט איז זי פאַרבײַגעגאַנגען די באַליעס העכט, די קאָשיקעס אויפעס און דער-

וויסנדיק זיך דעם פּרײַז, האָט זי מיט איין מאָל פֿאַר־
געסן דעם טאַם פֿון אַ שטיקעלע פֿיש און אַ ביסל הי־
נערשע זופּ.

צוריקגייענדיק מיט ליידיקן, איז זי פֿאַרבײַ אַ
קריסטין, וואָס האָט אַ וואַזאָן געהאַלטן צום פֿאַרקויפֿן.
פֿאַלקע האָט זיך נישט געקענט אָפּרײַסן פֿון וואַזאָן:

— מאַמע — זאָגט ער — האָסט דאָך גאָר נישט גע־
קויפֿט אויף פּייסעך, קויף כאָטש דעם וואַזאָן. זע, ווי
פֿײַן ער איז.

די גוטע מאַמע האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון.
דער וואַזאָן האָט געקאָסט זייער וואָלוול. פֿאַלקע איז
געזעצט — טראַכט זי — ווי קען מען דאָס גיין מיט
ליידיקן פֿון אַן ערעוו־פּייסעכדיקן מאַרק? און זי האָט
עס געקויפֿט אָנשטאָט פֿלייש און פֿיש...

און געוואַקסן איז אין וואַזאָן אַ ציבעלע, אַ פּאָשע־
טע ציבעלע.

אַך, האָט פֿאַלקע ליב באַקומען דעם וואַזאָן! ער
פֿלעגט גאַנצע שאָען קענען זיצן און באַטראַכטן די
לאַנגע גרינע בלעטער, וואָס האָבן געאָטעמט מיט פֿריש־
קייט און לעבן. ער פֿלעגט אַלע טאָג אָפּמעסטן די לענג
פֿון די בלעטער און זיך פֿרייען ווי זיי וואַקסן זיך פֿו־

נאַנדער. פון גאַס קומט ער אָפּט מאָל צו גיין מיט אַ הויפן שוואַרצע ערד, וועלכע ער האָט ערגעץ אויסגע־ריסן אין אַ סאָד און לייגט עס צו אין וואַזאָן: נאַ, עס!

פאַרדראָסן האָט אים בלויז, וואָס עס שפּראָצן נישט קיין בלומען אַרויס. געמיינט האָט ער, אַז מיטן אָנקום פון זומער וועט אַוואַדע דער וואַזאָן זיך צעבליִען, אָבער אַז דער זומער איז שוין באַלד אַוועק און קיין בלומען האָבן זיך אַלץ נישט געוויזן, פרעגט ער די מאַמע וועגן דעם, גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנט:

— פון וואַנען, נאַרעלע, זאָלן זיך דאָ נעמען בלו־מען, אַז סאַכאַקל וואַקסט אין וואַזאָ אַ ציבעלע, אַ פּאָ־שעטע ציבעלע...

דאָס האָט אָבער נישט פאַרקלענערט פאַלקעס לי־בע צום וואַזאָן. טיף אין הארצן האָט ער געטראַכט: נישקאָשע, דער וואַזאָן וועט נאָך וווּנדער ווײַזן!...

און אַז אַ ייִנגעלע טראַכט און האָפט, ווערט עס מעקוייעם... אויב נישט אויף דער וואָר — איז אין כאָלעם...

כאָלעמט זיך אים איין מאָל אַ נאַכט אָט וואָס:

די בלעטער פון וואַזאָן צעוואַקסן זיך אַזוי ברייט, אויז לאַנג, אַז זיי פאַרנעמען דאָס גאַנצע שטיבעלע.

אַלע ווינקלען, פֿון טיר ביזן אַלמער, זענען פֿול מיט שמעקעדיקן גרינס. און עס האַלט נאָך קיין אײנע האָרע אין איין וואַקסן... און פּלוצעם שפּראָצן אַרויס צווישן דעם בלעטער־ און צווייגן־געפּלעכט אַזוינע געלבלעך־גאָלדענע פּיירעס, וועלכע קיצלען אין נאָז מיט זייער רייעך. שאַ, וואָס איז דאָס? פֿאַלקע גיט פֿריידיק אַ פּאַטש מיט די הענט און שרײַט אויס ווי נישט מיט זײַן קאָל:

– מאַמע, דאָס איז דאָך ציבעלע!

– טאַקע ציבעלע! – גאַפּט די מאַמע און דער טאַטע און די באָבע און אַפֿילע די קאַץ אויך... און די ציבע־לע דערלאַנגט עס אַזאַ געראַטענעם וואַקס אויס, אַז ס'ברעכט זיך די שטוב. אַלע נעמען זיך צום רײַסן צי־בעלע פֿון ריזיקן וואַזאָן. פֿאַלקע אַליין האַלט אָן אָפּע־נעם זאַק, קוקט אין אים אַרײַן, ווי מען שיט און סע ווערט פֿול מיט ציבעלע. נעמט מען אַ צווייטן זאַק, רײַסט מען און מען רײַסט, ווערט דער צווייטער זאַק ווידער פֿול מיט ציבעלע, און אויפֿן וואַזאָן איז נאָך דאָ – אַ יאַם!

דער טאַטע קוועלט פֿאַר פֿרייד:

– גיטע קיילע! – שרײַט ער צו דער מאַמען, –

אוי, ווי גוט! מירן דאָך קענען פאַרקױפן די ציבעלע און דינגען אַ גרעסערע שטוב, ס'וועט שױן זײַן אַ סאַך אָרט פאַר אונדז און פאַרן וואַזאָן אױך! — — — — — —

נאָר אַז פאָלקע האָט זיך אין דער פרי אױפגעכאַפּט, האָט ער גאָר דערהערט, ווי דער טאַטע רעדט הױך צו דער מאַמען און קוקט בײַז אױפן וואַזאָן:

— איך וויל אײן מאָל פאַר אַלע מאָל, זאָלסט אים צונעמען פון פענצטער, ער פאַרשטעלט דאָך מיר די שײַן! איך האָב דאָך נישט ווו אוועקצושטעלן די שיך מיט די קאַפּולן!

— ס'איז אַ שאָד, - זאָגט שטיל די מאַמע - ער פאַרשײַנט אונדזער פינצטערע קעלערשטוב...

— שײַנט הײַנט, שײַנט מאָרגן, — קאָסט זיך דער טאַטע — אָבער אַז ס'איז דאָך נישטאָ ווו אַ קער צו טון זיך! ווי קום איך, אַן אָרעמער שוסטער, צו וואַזאָנעס...

און נאָך דעם זעט פאָלקע, ווי די מאַמע נעמט אַראָפּ דעם וואַזאָן פון ליכטיקן פענצטער און שטעלט אים אַוועק אין טונקעלן ווינקל פון שטוב, אױף דר'ערד, ווו עס וואַלגערן זיך אַלע שמאַטעס.

איז פאָלקע צוגעלאָפן צו זײַן ליבן פרײַנד, געקוקט טרױעריק אױף די בלעטער, וואָס האָבן זיך אײַנגע-

קורטשעטע, פאַרשאָטנטע צוגעטוליעט צו דער וואַנט, ווי א געשלאָגענע באַשעפעניש...

פאַלקע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, געמאָנט גערעכטיקייט טאַקע בײַם טאַטן אַליין:

— טאַטע... מען טאָר דעם וואַזאָן נישט האַלטן אויף דר׳ערד. ער וועט נישט וואַקסן!...

— נאַ דיר נאָך אַ מײליך־ירושער — טוט א געשריי דער טאַטע — דו גרויסער באָכער! שעמסט זיך גאָר נישט צו שפּילן מיט וואַזאָנעס?!

— איך שפּיל זיך נישט, איך האָדעווע אים...

— ער׳ט וואַקסן אויף דר׳ערד אויך, קלעם זיך נישט, פאַלקע! — באַרויִקט די גוטע מאַמע — ס׳איז דאָך נישט אַבי וואָס, ס׳איז דאָך אַ פּאָשעטע ציבעלע!..

דערווײַל איז אָוועק דער זומער. ס׳איז אָנגעקומען דער האַרבסט. דער האַרבסט האָט גיך און אָקשאָנעסדיק אַראָפּגעטרייסלט אַלע בלעטער פון די ביימער, פאַרוויסט די סעדער און פעלדער. פּלוצלונג האָבן זיך אַ יאָג געטון קאַלטע, נאַסע ווינטן, אָנזאָגנדיק, אַז דער ווינטער קלאַפּט אין טיר.

עס איז געפֿאַלן דער ערשטער שניי.

בײַם שוסטער אין קעלערשטוב האָט זיך די קעלט אַרײַנגעכאַפּט פֿרײַער ווי אומעטום. פֿאַלקע האָט זיך דער ערשטער צוגעקילט און גענומען הילכיק הוסטן אַרומגייענדיק אַרום פֿאַלקען, האָט מען דערווײַל נישט באַמערקט, אַז דער וואַזאָן האָט זיך אויך צוגעקילט... פֿיר בלעטער, די גרעסטע און שענסטע, זענען אין גאַנצן געל געוואָרן און מאַכטלאָז זיך אַראָפּגעבויגן צו דר׳ערד.

די מאַמע האָט דעם וואַזאָן צוגענומען פֿון דר׳ערד, פֿון וואַנען ס׳האָט געיאָגט אַן איימעדיקע קעלט און אַרעקגעשטעלט אים לעבן אויוון.

נאָך אויך מאָרגן זענען נאָך עטלעכע בלעטער פֿאַרוועלקט געוואָרן.

דער וואַזאָן האָט פֿאַרלוירן זײַן כּיין.

אַפֿילע דעם טאַטן האָט עס באַנג געטון. ער האָט זיך מאַטרײַעך געוועז פֿון שוסטער־בענקעלע, צוגעגאַנגען צום וואַזאָן, געטאַפּט די לעצטע גרינע בלעטער מיט זײַנע צעמאַזאָליעטע הענט און, ווי אַ דאָקטאָר בײַ אַ כּוילע מעסוקן, אַ זאָג געטון, אַז פֿאַלקע זאָל נישט הערן:

— הם... ס׳איז אַ ראַכמאָנעס אויף אים... די קע־לערלופּט ליגט אים אין דר׳ערד...

נאָר פאַלקע האָט אַלץ געזען, אַלץ געהערט און געוויינט. וואָס האָט ער געקענט טאָן פאַר זיין ליבן פריינד? באַגיסן אים מיט קאַלט וואַסער — איז ער דאָך שוין פאַרפראָרן. באַגיסן מיט וואַרעמע? — טאָר מען דאָך נישט. און די לעצטע עטלעכע בלעטער האָבן גע־וועלקט פון שאָ, פון טאָג...

— דער פראָסט שטאַרקט זיך. און אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען שוין אַלע בלעטער געל געוואָרן. די אונ־טערשטע — אַפילו שוואַרץ, שוואַרץ ווי דער גאַנצער כאַלעל פון טונקעלן שטיבל.

פאַלקע האָט די בלעטער באַטאַפּט, באַשמעקט. איין בלאַט, ביי וועלכן דער ברעג איז נאָך גרין געווען האָט זיך צוגעטוליעט צו פאַלקעס באַק, ווי ער וואָלט אים אַ לעצטן קוש געטאָן פאַרן טויט...

ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אין שטיבל פעלט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פריער געאָטעמט מיט פאַרביקייט און לעבן...

נאָר אַז פאַלקע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז איבער דער וואַזאָן ווידער צו כאַלעם געקומען. צו כאַלעם גע־

קומען נישט ווי א וואזאָן, נאָר ווי א לעבעדיקער מענטש און גענומען רעדן קלאָרע דיבורים:

— זאָלסט נישט מיינען פאָלקע, — האָט דער וואַ־זאָן געזאָגט — אַז איך בין געשטאָרבן. ניין, איך גיי גאָר איצט אַוועק אין לאַנד פון די פאַרוועלקטע פלאַני־צונגען. עפשער ווילסטו וויסן, וואָס פאַר א לאַנד דאָס איז? טאָ קום מיט מיר!

— איך וויל, איך וויל — האָט פאָלקע אויסגעריפן מיט שײַנענדיקע אויגן.

— נו, טאָ קום מיט מיר! — און דער וואזאָן האָט פאָלקען גענומען פאַר א האַנט און געפירט.

איבער נאַקעטע, אָפּגעשניטענע פעלדער און פוס־טע וועלדער: איבער בערג און איבער טאָלן, פון וואַנען דער האַרבסט האָט שוין לאַנג די שיינע, זוניקע פאַרבן אויסגעלאָשן. ערגעץ אין א העק פאַרשטעקט איז א דורכזיכטיקער פאַלאַץ פון בלויען גלאָז געשטאַנען, וואָס זײַן פונדאַמענט איז טיף אין דר׳ערד געווען אַרײַנ־געפעסטיקט און זײַן דאַך — הויך ביז די וואָלקנס.

דאָרט האָט זיך געפונען דאָס לאַנד פון די פאַר־וועלקטע פלאַנצונגען.

פאָלקע האָט דאָרט געטראָפן יעדעס בלימעלע,

יעדעס גרעזעלע, וואָס מיט זיי האָט די ערד זומערצייט געשמעקט און געלויכטן.

און דער וואַזאָן האָט געזאָגט צו פּאָלקען:

— זעסט, יונגעלע, דאָס שיינע און דאָס נוצלעכע שטאַרבט קיין מאָל נישט. נישט באַווייַנען דאַרף מען עס, נאָר זוכן און געפינען אויף דאָס ניי. און איצט — זאָגט דער וואַזאָן — דאַרפן מיר זיך געזעגענען. דו גייסט אַהיים און איך מיט מיינע אַנדערע ברידער, די פאַרוועלקטע פלאַנצונגען, וועלן גיין איבער אַ נייעם אויסוואַקס.

איבער אַ נייעם אויסוואַקסן! האָט פּאָלקע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — אוי, גוט! וועסט ווידער שטיין ביי אונדז אין שטוב!

— אָ, ניין, — האָט דער וואַזאָן געלאַכט — אין שטוב וועל איך נישט שטיין. מיר באַדאַרפן גאָר איצט אויסוואַקסן אויף די שייבעלעך פון פענצטערלעך אין אָרעמע שטיבעלעך, ווי ביי דיר, פּאָלקע, און טויזנטער אַנדערע. ווייל ווינטער איז איצט. דער פראָסט דרינגט אַריין אין די נישט באַהייצטע רוימען, מאַטערט די אָרעמע מענטשן און דער ?קער — די קליינע קינדערלעך קומען מיר דאַן צוגיין, די פאַרוועלקטע פלאַנצונגען, און

פּוּצן אויס די שויבן... וואָכ אָרעמער און קעלטער אין שטיבעלע איז, מיט אַלץ אַ גרעסערער פֿאַרצײַע בלומען און בלעטער באַפּוצן מיר די שויבן... פֿאַר די קינדער־לעך אַ טרייסט זאָל עס זײַן...

אזוי האָט גערעדט און דערציילט דער פֿאַרוועלק־טער וואזאָן, ווו געוואקסן ס׳איז אַ ציבעלע, אַ פּאָשעטע ציבעלע...

Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פּרײַז 30 גר. № 1 20 STYCZNIA 1938

„Kinder-Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Nowolipki 30 m. 31

– צי האָסטו געלייענט דאָס שיינע בוך

פֿון

ע ר י ך  ק ע ס ט נ ע ר

# עמיל און די דעטעקטיוון

# ? ? ?

דאָס בוך האָט דער „קינדערפֿריינד" איצט לאַגער אין א באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן.

פּרייז פֿון בוך (אין 2 באַזונדערע טיילן) 1.80 גילדן.

פֿאַר אַבאָנענטן פֿון „קינדערפֿריינד"

ד ע ר  פּ ר י י ז — 1.— ג י ל ד ן

באַשטעלט גלייך דאָס בוך!

איצט ווערט אַרויסגעגעבן דער צווייטער טייל:

# עמיל און די דריי צווילינגען

דאָס ערשטע בוך איז היינט דערשינען.

פּרייז — באַר 30 גראָשן (פֿאַר אַבאָנענטן)

Wydawca: Wydawnictwo „Kinder-Frajnd", Warszawa